STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06202

# HEMSHEKH

Pesah Binecki

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פסח בינעצקי

# ...המשך

## לידער

תל-אביב 1966

*PESACH BINETZKI*

..."HEMSHECH" *POEMS AND SONGS*

ציכענונגען אויסגעפירט פון דיכטער מנחם בינעצקי
(זון פון מחבר)

נדפס בישראל
1966

**PRINTED IN ISRAEL**

כל הזכויות שמורות למלכה בינעצקי



דיכטער פסח בינעצקי

# דעם דיכטערס ירושה

איך האלט עס פאר מיין חוב - א גרויסע און פאראנטוואָרטלעכע פליכט פון א חבר און א פארערער - צוצוגעבן עטלעכע ווערטער אלס הקדמה צו אט דער זאמלונג פון לידער, וואס שטעלט מיט זיך פאר נאר א קליינעם טייל פון דער מעכטיקער און פרעכטיקער שעפערישער ירושה, וועלכע עס האט נאך זיך איבערגעלאזט דער פארשטאָרבענער דיכטער, פסח בינעצקי.

די דאזיקע לידער - א געטרייע אפשפיגלונג פון א פילבארער און שטורמישער נשמה - זענען ניט אויסגעקליבן געוואָרן ווייל זיי זענען "די בעסטע", נאר ווייל זיי זענען לויט זייער איכות און לויט זייער מהות טיפישע און גלייכווערטיקע "פארשטייער" פון אלע צאלרייכע און שיינע לידער, וועלכע וועלן נאך דערלאנגט ווערן דעם לייענער אין דער קומענדיקער גרויסער זאמלונג פון פראכטפולער פאעטישער שאפונג, וואס איז פארבליבן פון דעם דיכטערס שריפטשטעלע-רישער ירושה.

שרייבנדיק די דאזיקע שורות, איז מיר נאך אלץ ניט מעגלעך זיך צוצוגעוווינען צום געדאנק, אז איך דארף רעדן וועגן דיכטער און פריינט פסח בינעצקי, ווי עס רעדט א לעבעדיקער וועגן א טויטן, אויפן לשון פון פארגאנגענהייט אט בלעטער איך אין זיינע מאנוסקריפטן - מערסטנס געשריבן מיט זיין אייגענער האנט, אין כתב-יד - און איך פיל אן אוממיטלבארן קאנטאקט מיטן שטארקן גייסט פון א מוטיקן

קעמפער און שרייבער, וועלכער פירט מיך נאך זיך צו די ראנגלענישן פון פאלק, פון קלאס, פון פאטערלאנד - פון איין זייט, און צו דער לירישער, צארטער און ריינער אטמאספערע פון דיכטונג איבער ליבע און לאנדשאפט - פון דער צווייטער זייט. און אין דיביידע ספערן, אזוי פארשידן אין אינהאלט און פארם, גייט דורך ווי א רויטער פאדעם דער טאן פון איינ-קייט טראץ דער פארשידנקייט, דער טאן פון דעם דיכטערס פולשטענדיקער אידענטיפיצירונג מיט די געראנגלענישן פונעם מענטש בכלל און בפרט מיט זיין בענקשאפט און מיט זיין קאמף פאר א בעסערן מארגן - בעסער פון אלע נעכטנס."די גאנצע וועלט אין איין שטאט" - אין אט דעם פאלקסטימלעכן שפריכווארט דריקן זיך אויס די געזעלשאפטלעכע און אינדיווידועלע האריזאנטן פון דעם וואנדערבארן דיכטערס לעבן - א לעבן פון גבורה און דיכטונג. דעריבער איז אזוי אוממעגלעך צו רעדן וועגן אים אין דער שפראך פון פארגאנגענהייט, ווייל אויך היינט רעדט ער צו אונדז "ווי עס רעדט א לעבעדיקער צו די לעבעדיקע", לויט מאיאקאווסקיס רומפולן אויסדרוק. די דיכטונג, אויב זי איז אמתדיקע דיכטונג - איר שטויסקראפט און איר פארנעם ווייסן ניט פון קיין געאגראפישע גרענעצן און פון קיין ביאלאגישע באגרענעצונגען - זי צילט העכער ווי די שפיצבערג פון דער צייט, ווייטער ווי דער תחום פון קריזיסן, נצחונות, אדער מפלות, וועלכע האבן געטראפן דעם דור, ווען די דיכטונג איז געשאפן געווארן און ווען זי איז טעטיק געוועןן ווייל די עצם געטריישאפט פון דער דיכטונג צום גייסט פונעם דור און צום ארויסרוף פון זיין קאמף איז די גרעסטע גאראנטיע

פאר דער באַרעכטיקונג פון דער דיכטונג צו פאַרבלייבן אינעם
זכרון פון די קומענדיקע דורות.

די דיכטונג פון פסח בינעצקי – א באגלייטערין מיט
א קלארן בליק און מיט אן אפן הארץ פון אונדזער דורות גרויל
און האפענונג – דונערט ניט מיט הימל-שפאלטנדיקע קולות,
איר ווערזן איז קול דממה דקה, אבער דווקא די דאזיקע
אייגנשאפט צו האלטן זיך ביי דער קלארער און צוריקגעהאלטענער
דורכזיכטיקייט פון ליריק, לאדט זי אן מיט א מעכטיקן ארסענאל
פון גייסטיקן אויפרייס-זינגשטאף. די אויסדרוק-פארמען פון
זיין דיכטונג זינגען ווען גרויסע טעמעס אין קליינע מאדעלן
פון עמאציאנעלער לירישער שילדערונג, און זיי פארוואנדלען
די דיכטונג מער אין א מעלאדיש געזאנג פון א מוזיקאלישן
סואיטע, ווי אין א שטורמישער, הילכיקער סימפאניע, מער אין א
פידל ווי אין א טראמפייטער – און אין דעם שטעקט איר ניט-
אויסדערשעפטע קראפט.

אט די באשיידענע לידער-זאמלונג וועט געפינען דעם וועג
צום הארצן פון יעטוועדן – לייענער, און דערמיט וועט זי דינען
ווי א געטרייער און שאצבארער אפקלאנג פונעם אומפארגעסלעכן
דיכטערס הארץ.

אלעקסאנדער פען.

# א וואָרט צום לייענער

כ׳וויל געפינען א טרייסט, באַרואיקן עטוואָס מיין צעבראָכן געמיט צוליבן פריצייטיקן טויט פון מיין מאַן, דעם דיכטער פסח בינעצקי, דורך איבערגעבן זיינע שאַפונגען דעם יידישן לייענער און זיינע פילצאָליקע פריינט.

עס זענען פאַרבליבן א ריי לידער, פּאָעמעס, עסייען, קריטישע אָפּהאַנדלונגען, ישראל-דערציילונגען, ווי אויך א גרויסע צאָל איבערזעצונגען פון אַנדערע שפּראַכן, וועלכע כ׳האָף אַרויסצוגעבן אין דער נאָענטסטער צוקונפט.

"המשך" איז פאַקטיש דער אָנהייב פון זיין גרויסער ליטעראַרישער ירושה, איך וויל אַז דאָס דאָזיקע בוך זאָל דינען אַלס סימבאָל פאַר די זין, זיי זאָלן ממשיך זיין אין לעבן אינעם גייסט פון זייער פאָטער.

כ׳וויל ביי דער געלעגנהייט אויסדריקן א האַרציקן דאַנק אונדזער לאַנג-יאָריקן חבר, פריינט חיים ריש, פאַר זיין איבערגעגעבענער מיטהילף ביים אַרויסגעבן דאָס בוך, ווי אויך די טייערע חברים פון ריכטערס היימשטאָט ביאַליסטאָק.

מלכה בינעצקי

# מולדת

## מ ו ל ד ת

מולדת! די פרייד פון מיין הארצן פאר דיר,
די ליכט פון מיין היים דער באנייטער;
דער סקריפ פון דער פרישער, דער היימישער טיר,
פון זארגלאזן שמייכל פארשייטן

מולדת - א זילבערנער שפריץ פון א קראן
אויף וויסטעניש גאלדיק צעגליטער
א סך זיינען ווערטער אזעלכע פאראן
נאר דו בלויז א קנאספ א צעבליטער.

דו שטראליקסט ארויס פון מינדסטן שפראץ,
אין קינדערשער טרער דו צעשימערסט
און גיסטו א בליץ מיט אן אויג פון פארדראס
דיין קלאנג ווי א דונער צעקלימערט.

מולדת - ווי יונג און ווי אלט ביסט צוגלייך,
די גוטסקייט, די עוולה, זיי ביידע
זיי ברויזן אין דיר ווי א שטראמיקער טייך
אז ס׳ווערן פארצערט מיר די פריידן.

פארשטומט ווערט דער זילבערנער קלאנג פון דיין ווארט.
מיין ליד גיט א קוועל אן מיט טרויער;
מולדת-אין בלויאיקער רחבות דיין ארט
און נישט ווי א בעטלער ביים טויער.

טא זאל זיך צעהעלן א ברודערס א בליק
ביים קומען צו היימישע שורעלן.
מולדת-מיין קינדערישן טרוים פיר צוריק
צום לאנד פון פויגלישע טרעלן!

צום לויטערן ערגעץ אויף שפיץ פונעם בארג,
וואס כ׳האב אים געזען אין מיין חלום;
עס זאל מיר דיין שטראליקייט זיין נישט צו קארג,
דיין רוף זאל מיר שטענדיק זיין שלום!

## קרית-עמל

אין קרית עמל איז איצט זומער,
דאס דערפל פון מי וואס מען רופט.
א בינשטאק א גרינער צעזשומעט
אין לויטערער בארגיקער דופט.

אין קרית עמל זיינען סעדער
נאך טויזנט מאל גרינער פון גרין;
אין טויער פון עמק א יעדער
זיין אייגענעם חלום פארשפינט.

און איך, וואס כ'האב פוילישע וועלדער
געזען אין מיין קינדערישער וואר;
איך טעם די לופט פון די פעלדער
פון איינעם א יידישן דור,

וואס האט אויפן בארג דא פארקלעטערט;
מיט ציינער געביסן דעם שטיין;
אז ערשט אין א צענדליק יאר שפעטער
אנטפלעקט זאל מיר ווערן אליין

דער וואונדער פון אייגענעם ווילן
ביז אונטן דעם שפעטן פון פרי,
די אייגענע בענקשאפט צו שטילן
אין שווערער פארעקשנטער מי.

## פ א ר ו ו א ס ?

פארוואס איז אזא גליווער אויסגעגאסן אויפן כנען?
ס׳איז זאמדיק העל זיין אויסגעברענטע הויט.
די אלע שטורעמס איבער אים אדורכגעגאן
געלאזן האבן דא סימנים פונעם טויט.
נאר ער, ער ליגט אזוי אין גליווערנדיקן בלא,
אזוי ווי אין זיין אור געבוירן שעה.

צופוסנס פונעם בארג, ווי אלטווארג ברוך,
א בינטל ליים הייזקעלעך שטויביקע צעשאטן.
און ביז צום שפיץ פון כנען יארהונדערטער אדורך -
דארט איז די נייע צייט ארויפגעטראטן.
דער הויקערדיקער וויג פון קעמל שפאן
פארלארן איז אין פעלזנשפאלט פון כנען.

ווי גיך דאס בליק יארהונדערטער ווארפט אפ.
צופוסנס ווערן זיי אלץ גרויער, בלאסער.
ס׳איז גוט אזוי צו אויפהויבן דיין קאפ
צו יענע רחבותדיקע טרעפ-טעראסן
און וויסן, אז דאס איז די נייע צייט
ווען ס׳ווערט דאס לאנד פון גליווערונג באפרייט.

# א בוים אזא

א, וויפל האב איך דא נאך צו באזינגען?
אויף אט דער ערד, ווו כ׳האב מיין היים פארלייגט,
סיי ווען איך בין געווען מיט יארן יינגער,
סיי ווען מיין לעבן זיך צום מערב נייגט.

א בוים האב איך אין באדן זיך פאראייניקט,
מיטווארצלען אין דער טיף און אין דער ברייט.
גלייך ס׳וואלט געווען דער תכלית מיר אלץ ווייניק
און אט דער ווינט, וואס אויף מיין קרוין צעוויט...

א בוים, וואס זויגט פון אט דער ערד די זאפטן
מיט צווייגן אויסגעשטרעקטע צו דער זון,
גלייך זיי וואלטן אין הימלרוים פארהאפטן -
אין גאלדטעפיך א גרינפארוועבטע בלום.

א בוים אזא אויף אט די גינגאלדפליינען,
וואס נעמט אן קראפט מיט יעדן פריליגבלי,
אז אויסרייסן עס וועט אים שוין נישט קיינער,
נישט פון דער פרעמד קיין פיינט און נישט פון הי...

מאי 1959, קרית עמל

## זומער

דער זומער איז ביי אונדז אין פולן ברען
און כ׳וואלט אזוי, אזוי ניט וועלן
די געלע פארב פון הארבסט איצטער דערזען...
איף דיינע זומער-אקווארעלן.

די געלקייט צוגעשטאנען איז צום הארץ -
א מידיקייט פארגיסט די בליקן
און ס׳דאכט מיר אלץ: עס שאטנט אן דאס שווארץ -
די בלויקייטן פון זומער-לעב דערשטיקן...

דער זומער איז ביי אונדז אין פולן ברען
און דו, דו הארפסט אזוי אים מאלן -
דער מענטש זאל תמיד זיין אין אים דערקענט -
פאר שיינקייטן מיט פריידן צו באצאלן...

פאר מיאוסקייטן - הארטנעקיק און שטרענג -
די האנט קיין ציטער זאל ניט געבן!
און אייביק אין דיין הארצן פארגעדענק:
דער זומער איז די אייביקייט פון לעבן.

יולי 1963

## ים דו גוטער

ים דו גוטער, ים דו שטילער
כ׳תפילה דיר א ליד.
כ׳זאל דיין אייביקייט דערפילן
נאך אין מיין געמיט.

אט דער מילדער בלעזל-פליסטער
פון דיין שפיגל-פלאך,
זאל די רו מיר ברענגען איצטער
ביז ס׳וועט-ווערן נאכט. - -

אט די ליכטיקייט צעגאסן
אין דיין גאנצער ברייט
זאל אן גרענעצן, אן מאסן
אויפשטראמען מיין פרייד.

ים דו גוטער, ים מיין ליבער
כ׳בעט דיך, רוף דיך, העלף!
כ׳זאל נאך איין מאל כאטש א ליב טאן
פינף מינוט פאר צוועלף.

11 סעפטעמבער 1963.

## ס׳ארא בלויקייט, ס׳ארא ווייטקייט...

ס׳ארא בלויקייט, ס׳ארא ווייטקייט,
וויפל ס׳איז דערגרייכן קען.
אזא יום - טובדיקע נייקייט
האב איך היינט ביים ים דערזען.

גלאט איז ער - א בלויער שפיגל -
בלעזלט אויף פון צייט צו צייט
און א כוואלכעלע א מיגל
זילבערדיק אזוי פארשייט...

און דער ים איז ווידער גלאט, ער
ניגונט א גערויש מיר צו -
קומט ער אן אזוי פון ווייטן
מיט א היימישקייט בארוט.

ס׳ארא בלויקייט מענטשן ליבע!
אין דער ברוסט אזוי מיר לייבט...
אזש די אויגן מיינע טריבע
פון די טרערן ווערן פייכט...

אפריל 1962



## העברעיש

רע וידיד, ווי ס׳איז נאענט מיר דער קלאנג;
העברעישע ווערטער - מיין יידיש געזאנג.

די לאנדשאפט פון חומש - מיין פוילישן בליק;
ביים ירדן דערזע איך די ווייסל צוריק...

אין געסל שבזי - די נויט מיר פארשעמט,
ווי נידקעס פארלאטעט צעריסענע העמד.

דער ווערבשטול, וואס האקט מיר ארייַן אין געהער -
פון באלוטער הייף כ׳האב דעם זמר דערהערט...

און אלץ וואס העברעיש די רחקות באליידט
מיט טרויער קלינגט אויף אין מיין יידישן ליד.

דער היימישער צארן, דער ביטער פארדראס,
די אימה, דער פחד פון ביקסן-געשאס -

איך זוך נאך פון דעם אלץ ארום א באשייד
זאל זיין אין די נייע העברעישע רייד...

די ברידערשאפט - אחווה א נאמען זי האט.
די שנאה - איר אימהדיק-בלוטיקן טראט...

די אחדות - א לאנג-שוין-געהייליקטער שפרוך -
דעם וועג צו דער איינהייט דער ארבעטער זוכט.

איז דגל א פאן און אדום איז זי רויט -
נאך רופט אלץ און וועקט צו באצווינגען די נויט...

מולדת א היים, נאר צו אלעמען גלייך -
די פרייד זאל א ברויז-טאן א זעטיקייט-טייך.

רע וידיד מיר א חבר א פריינט -
העברעיש אין יידישן ליד האט צעשיינט...

אפריל 1962

# אונדזער הגדה

מיר זיינען שוין לאנג פון מצרים ארויס -
מעבדות לחירות געקומען;
טא לאמיר זשע הויבן דעם ערשטן איצט כוס
און זאל אונדזער צונג ניט פארשטומען;

די זיידעס זיי פלעגן דערציילן דעם נס
פון אורזיידעס ווייטע דערציילטן -
טא הויבט-זשע דעם צווייטן און נאר ניט פארגעסט
דעם טיש אט דעם רייך-אנגעשטעלטן...

עבדים היינו, נו יא, מיינע פריינט,
והא לחמא עניא - די מצות;
און ווער ס׳איז אן עבד געבליבן נאך היינט -
פארזונקען אין יאך פון דער פראצע -

זאל ער מיט ביטחון פון כוס טאן א טרונק -
די מכות דערמאנען זיך אלע
און "דם" און "צפרדע" - דעם פינגער א טונק...
די מכות אויף פרעהן זיי פאלן.

א סך שוין געוועזן די פרעות, א, פריינט
און וואס איז פון זיי היינט פארבליבן?
און כאטש ס׳איז קיין ניסים ניטא שוין מער היינט -
זיי ווערן אן ניסים פארטריבן.

ביים הייבן כוס שלישי, געדענקט פארגעדענקט:
דער פרעה דער גרויזאמער גרעסטער
אין טריפהנעם בלוט האט אליין זיך פארשווענקט
אין שאנדגרוב אן אייביק פארגעסטער.

און אויב נאך א פרעהלע טייעט זיך דארט –
זיין פויסט פון ס'נייר ער צעעפנט –
זייט זיכער: דאס יידישע פלאמיקע ווארט
וועט פונקט אין זיין שארבנדל טרעפן.

טא הייבט זשע דעם כוס אונדזער פערטן אין האנט
און זינגט זשע "חד גדיא" אינאיינעם –
אין אונדזערן אייגענעם יידישן לאנד
ביים סדר ניט פעלן זאל קיינער.

און פרעגן מען זאל ווי דער מנהג אונדז זאגט:
"מה נשתנה הלילה מלילות" –
– ווען קומען וועט שוין דער באגערטער אונדז טאג –
מיר זאלן זיך ניסים דערציילן.

ביים סדר דעם גרויסן פון מענטשלעכן גליק
און טרויער אין הארץ זאל ניט נאגן
און זיצן ווי זיידעס מיט יום טוב אין בליק
ביז אויפשיינען וועט דער פארטאגן...?

נו, יא מיינע פריינט, ווי האלט עס אין קאן –
דעם חשבון פון כוסות פארלארן...
הריני מזומן דעם צענטן גיסט אן:
לחיים ביז איבער א יארן!

מערץ 1964

## די איוב-בשורה...

די איוב-בשורה - זי איז נאך ניטא...
און אפשר וועט זי קיין מאל גאר ניט קומען -
דער יצר-ריב אין הארצן וועט פארשטומען
אין איינער אזא מזלדיקער שעה.

עס קען געשען דאך זיכער אזא נס:
די ברידער - שטאט מיט רוגזה זיך צעגייען -
ווי קינדער ביי דעם יום-טוב-טיש זיך פרייען
און איינער - צווייטנס עוולה ער פארגעסט...

די איוב-בשורה - זי איז נאך ניטא -
ווי גוט, ווי גוט, אז זי זאל גאר ניט קומען...
עס גייט ארום א מענטש אין טיפן אומער
און אין די טעג געפינט זיך ניט קיין ארט.

יולי 1963

## פאר אלעמען זאל סטייען!

און איינגן דאך, נאר שיין א פולע שטוב -
דער שאטן זאל אין ליכטיקייט צעטייען...
אין פינצטער ווינקל - קיינער ניט פארשטופט
און אויפן טיש פאר אלעמע זאל סטייען!

א הונגער-בליק, וואס איז מקנא מיר -
פאר׳סמ׳ט ווערט שוין מיט ביטערקייט מיין ביסן,
אז אויפגעריסן אפן בלייבט מיין טיר -
מיט וויפל שלעסער כ׳זאל זי ניט פארשליסן...

און מיין געלעגער - הארטער ווי א שטיין,
ווען ס׳ברשעוועט א שטורעם-ווינט אין דרויסן
איך זע דעם עלנטן ביים פענצטער שטיין
גלייך כ׳הער א קלאפן פון יאוש-פויסטן...

אז ס׳ציטערן די ווענט אונטער מיין דאך -
ווי זייפן-בלאז צערינט די מנוחה,
וואס איך האב איר אין שטוב ארייננגעבראכט
נאך מי אזוי פיל אויף מיר אפצחוכן....

## אט דער כתר...

ניט מיט טרערן  נאר מיט בלוט געשריבן
איז פון הארץ דער אויסגעשריי - מיין ליד!
כ׳וויל א יעדן קלאפ אין ברוסט באשווערן:
ביז דאס לעבן וועט צו מיר געהערן,
זאל איך ביז דער לעצטער רגע הערן
דעם געוויין
פון
אלטן
קראנקן
ייד
וואס אכזריותדיק צום טויט פארטריבן...

ווער איז עס אים מוחל, ווער וועט שענקען?
מאמע רחל אין דיין קבר וויין:
ס׳האט דיין זון, - דער גרויסער נוכל...
מיטן שם דעם אלטן כביכולס,
פאר א פרעמדן האר די קני געשטרויכלט
און א ברודער,
וואס געקומען
איז
נאך הילף
צו גיין -
אפגעגעבן אים אין הענט פון הענקער....

אט דעם כתר אייביק וועט ער טראגן:
שאנד ביים לעבן, קללה נאכן טויט! -
ביז די ווייטסטע דורות שפעטער
וועט א שטאלצער ייד פארשפעטן
דעם וואס דינט די יאנקי-געטער -
קלייבט
פון
זייער טיש
די ברעקלעך
ברויט
און נאך זייער גנאד טוט זיך יאגן...

פאלק מיין טייער, לויטער בלייבט דיין נאמען! -
די פארעטער - אפפאל פון דיין לייב.
מיט די כוחות יונגע, נייע,
וועסט פון אנמאכט זיך באפרייען
אין דער ברידערשאפט געטרייער -
פרעמדן
אנגעלויף
פון
זיך פארטרייב!
אז דאס גליק דיין פנים זאל באשיינען, אמן.

יולי 1962.

# פארגעסט
# ניט!

.31

# דאס ליד פון מיין יוגנט
(צום 20-טן יארטאג פון אויפשטאנד
אין ביאליסטאקער געטא).

שמולקע, זלמן, ברכה, לאהקע שוסטער - *
שולדיק בין איך אייך נאך אלץ מיין ליד -
נעמען די באוווסטע-אומבאוווסטע -
שאטענען מיר אייביק אין געמיט...

סאני, קעסטל, קורטע - וועבער-יאטן
ביאליסטאק - די גאסן פון מיין היים -
ניט פארוועלקטע קיין מאל, ניט פארבלאסטע -
ווי אין יענע צייטן אין געהיים... -

צערטל איך אייך אלץ אין מיין זכרון -
יוגנט וואס האט קיינמאל ניט פארבליט....
וואקס איך אלץ אריין אין יענע יארן
מיט מיין לעבן, מיין פאריתומט ליד.

א מצבה שטעלן אייער אנדענק?
גיטל שרייט ארײן אין פנים: ניין!
פריידקע איז אוועק ערשט נעבטן, מאנטיק,
הערשעלע דארף קומען באלד צו גיין.

וואַרטן מיר כסדר, אַלץ מיר וואַרטן -
ווער געדענקט אַ טאָג און ווער אַ נאַכט? -
די פאַרשעמטע און די אָפּגענאַרטע
אין דער סאַמע לעצטער שלאַכט.

ווער מיט ביקס און ווער בלויז מיט אַ מעסער,
ווער - אַ פּאַן עס פּלאַטערט אויף זיין האַרץ...
ווועמענס בלוט די ערד האָט שוין באַוואַסערט,
ווועמענס אויגן - אויסגעברענט אויף שוואַרץ...

און אַבֿרהמל חזן מיט זיין שיינקע,
משהל פּלוסקאַלאַווסקי - אויך פאַראַן
זיינען זיי שוין אַלע דורכן הענקער
אויסגעשאָסן איינציקווייז ביים וואַנט?

ניין, אָ, ניין! איך הער נאָך אַלץ די שאָסן -
וועלוול וואַלקאַוסקי, ער קומט אָן -
אין די אויגן - ביטערע פאַרדראָסן -
גיט ער אַלע רגע אַ דערמאָן:

"אויף די טשעפּלע שלאָגן זיך די יאָטן -
פאַרטיזאַנער רייסן אויף די וואַנט.
ווער דעם לעצטן בונקער וועט פאַרראָטן -
אייביקן עס וועט אויף אים די שאַנד!"

א מצבה שטעלן? - "ווּעמען ווּעמען"? -
צארנט, יצחק מאלמוד אויף אין גלוט... -
אייביק זאל מען די נקמה נעמען
פאר איעדן טראפן יידיש בלוט...!"

הער איך אלץ פון שול-הויף די געשרייען...
און מיין בליק איז אנגעפילט מיט פלאם...
און דעם אש דער ווינט קען ניט צעווייען...
און מיין ליד - צו שלאכטן ניט פארזאמט!

- - - - - -

היימשטאט מיינע, כ'היט אפ דיין צוואה,
ביאליסטאק, איך טרינק אלץ פון דיין שיין -
ליבשאפטן - ביז לעצטע מיינע שעהן,
שנאה - ביז צום לעצטן פון די פיינט!

תל-אביב, אויגוסט 1956.

* אלע נעמען - חברים פון מיין יוגנט - געפאלן אין שלאכט קעגן היטלעריזם.

** אין דער ביאליסטאקער שול - פארברענט לעבעדיקערהייט די אקטיוויסטן און געזעלשאפטלעכע טוער פון שטאט.

# ביאליסטאק מיין היים...

ווי גיך, ווי גיך די יארן מיר אנטרינען...
נאך נעכטן בין איך אין דער היים געווען
און היינט קען איך קיין שפור שוין ניט געפינען -
די צייט - דעם לעצטן שפור האט אויסגעברענט...

נאך נעכטן - אומגעלאפן איף די גאסן
כאנייקעס, מאטל וואסער-פירערס, ביים סוראזער ראג... -
צי זאל איך ליבן זיי, צי זאל איך האסן? -
די ארעמקייט ביים הארצן האט גענאגט.

די בענקשאפטן, ווי בלומען אין א שאטן -
גערייסן האבן זיך צום טראפן זון...
אפילו די חלומות - איך פארבאטן -
זאל קיינער ניט דערוויסן זיך דערפון!

און דאך, און דאך, אווו כ'זאל זיך ניט קערן -
דער אנהויב פון מיין ליד איז אין דער היים...
וואס פארא הימל ס'זאל מיר ניט געהערן -
פארגיס איך מיינע טרערן אין געהיים...

און ס'ציט מיך אלץ צוריק צום קינדער-וויגל -
דער ניגון פון מיין מאמען מיך באגלייט -
איר אומעט - אין איעדן לייג פון ציגל.
איר טרויער - אין איעדער רגע פרייד.

מיין היים די וועבערשע, איר פייער-צארן -
דער ביאליסטאקער, אייביק טראגט אין בליק
און טראגן וועט ער אים דורך אלע ווארן,
און קומען צו זיין היים שטענדיק צוריק -

זיך אפרוען פון ווייטן וואגל-וואנדער -
א מאמע ווייסט וואס ס׳טוט די קינדער באנג -
דער ביאליסטאקער קען דען ווערן אנדערש,
אפילו, ווען דאס לעבן אין אים צאנקט?...

ווי גיך, ווי גיך די יארן מיר פארשווינדן...
נאר אייביק דויערט אלץ דער מאמעס שיין.
פארבענקטע קומען מיר אהיים די קינדער
צו אויסטרינקען פון ס׳נייי דעם בעכער פון איר פיין...

מיין ביאליסטאק, מיין היים פארגאנגענע אין פלאמען -
א שפליטער דיינער בין איך אויף דער ערד;
נאר אויב פארגיין - וועל איך מיט דיר צוזאמען -
צוזאמען איז צו לעבן אונדז באשערט...

תל-אביב 6-טער אויגוסט 1963

# דיין קעפל....

דאס קעפל וואס כ׳גלעט איז דאך מיינע
ס׳וויגט זיך נאך אלץ אויפן צווייג,
איך זע אין דיין בליק אלץ די טענה
"איך הענג אויפן צווייג און דו שווייגסט..."

ווי קומסטו צו מיר אין די דלאניעס
און ציטערסט אזוי אין די הענט?
דו וואלסט גאר געדארפט ווי א פאן
א גלי טאן אויפן שטעטישע ווענט...

אז ס׳זאלן די גאסן דערהערן
די טענה וואס שרייט אין דיין בליק;
זיי זאלן ווי איך זיך באשווערן:
דיין תלין דעם זעלביקן שטריק.



## א ט  ד א  נ י ט  ו ו י י ט....

צי זוכסטו נאך פון רו מיינער א שפור דען?
אין איראק, הער; מען שעכט דארט אויס די קורדן!

די זין פון פאלק דעם העלדישן געוואגטן -
די קעפ דארטן די שרעקלאזע צעהאקט מען.

מיט יעדן טאג וואקסט אן די ברודער-עוולה -
זיין שיינע ערד מיט בלוטן ווערט פארמבולט...

א פאלק אזא - זיין נאמען זאלסט געדענקען
און רוף און שריי, פארהאלט די האנט פון הענקער!

און לייג ניט אפ, קיין טאג, קיין רגע שפעטער
ביז אויסשעכטן ביז סאמע לעצטן ווערט ער...

ווי נעכטן ביי דער ווייסל - קומט ער ווידער
צו גיין צום פרת - דער תלין פון די יידן -

אט דא ניט וויט, איבער וואנט, אין שכנות -
דו ווייסט שוין גוט אוועמענס ס'איז געווייין

די אימה, די יללה פון די קינדער,
ווען ס'גיט א שנייד דער חלף-בליק פון שינדער...

— דער פחד פון די מאמעס ביי די וויגן,
ווען ס'הילכן אויף אין מיטן נאכט די שטיגן...

און ס'קומט אריין דער טויט אין הייזקעס שטילע -
אין קורדיש בלוט זיין חיה-הארץ צו קילן -

א ברודער-פאלק אין אייגענע די קאנטן -
דערקענסט דעם גורל פון אומקום דיר באקאנטן ...

צי זוכסטו נאך פון רו מיינער א שפור דען? -
אין איראק, זע; מען ברענגט דארט אום די קורדן.

תל-אביב, יולי 1963

## כ̇ן יאבדו כל אויביך...

א פליג קען איך ניט טויטן אויף דער וואנט,
נאר אים וואלט איך די פעטלע הײנט פארצויגן...
ער זאל זיך שטיקן אין זיין שווארצער שאנד
מיט חיהשע ארויסגעזעצטע אויגן.

נאר ניט מיט איין מאל האסטיק, כ׳וואלט געשטיקט -
א לאנגזאמע, זי זאל אים זיין, די גסיסה! -
די זעקס מיליאנען גרוילן פון זיין בליק -
מיט שטראמען בלוטיקע זיי זאלן פליסן...

אז אויפשרייען עס זאל אין זיין געהער
דער טויט אין זיינע אייגענע געשטאלטן...
אז אלע שרעקן פון דער גאנצער ערד
זיך לעצטן אטעמצוג זאלן פארהאלטן.

ער זאל כאטש אין דער לעצטער רגע בלויז
מיט הארץ דעם שטיינערנעם א ציטער געבן -
דערפילן, ווי זיין נישטיקייט איז גרויס
און ווי ס׳איז גרויס און אייביק אונדזער לעבן.

*

און וואס ביי אים געוועז די ווערט א ייד? -
א פינטל מיטן אויג - מיליאנען ברענען...
זיים פלאם פון גאז-אויוון פלעגט זיין געמיט
אין שפיגל פון זיין קלוגשאפט זיך דערקענען.

איז וואס געווען ביי אים די ווערט א מענטש?
ביז וואנען ס׳פלעגט זיין אש-בעכער פארפולן,
האט ער זיך מיט א נייעם זיג געבענטשט -
אין זיסן אפרו גליקזעליק פארשטילן...

ווייל מארגןווארט אויף אים א טאג פון מי -
עס טראגן זיך צום טויט די עשאלאנען,
און מיטן בלייפעדער אן אונטערצי -
פארקייליעבטע עס ווערן די מיליאנען...

און אפגערייניקט ווערט א לאנד נאך לאנד -
דער פיורער האט באפוילן! - א געבאט אים -
"הייל היטלער!" - גיט זיך אים א שטרעק די האנט
און נאך א גרוב מיט יידן ווערט פארשאטן...

*

די רום, זי איז פארפירעריש, זי בלענדט...
און ער האט פון דער רום זיך אלץ דערוויטערט
אין שטילן קאבינעט, אין די פיר ווענט
האט ער דאך אנגעצונדן אלע שייטערס...

אייראפע מוז פון יידן ווערן ריין! -
די וווּנד מען דארף זי אויסברענען מיט פייער
און דארט ווו ס׳בלייבט זיין בליק א רגע שטיין -
די ערד הויבט אן פון יודע זיך באפרייען...

אן אויסלייזער איז ער דער גרויסער דייטש!
זיין פאטערלאנד וועט אייביק אים געדענקען,
אז ער – געוועזן איז ניט בלויז די בייטש,
נאר אויך דער גרעסטער פון די יידן-הענקער...

די פוסטע רום איז ניט פאר אים געקליידט –
די ציפערן פאר ביידן אויג פארבארגן –
זיין טויט אטעם איבער איראפע ווייט
און גרייט פאר אים א שטראלנדיקן מארגן...

*

און ס'איז דער טאג געקומען, יענער טאג!
אין גאנץ איראפע ניט פארבליבן איז קיין ייד.
אויף הוילע חורבות האבן אפגעהילכט די טריט –
א סאווע אויף א שאטן-קוימען האט געקלאגט:

א פאלק געוועזן. געוועזן און ניט געווארן...
פארשאטן אונטער הויכע בערג מיט ציגלברוך.
די שפורן אויף די בית הקברות גיי זוך
דארט זיינען נאך די לעצטע שפורן ניט פארלארן...

א פאלק געוועזן. ניטא שוין איצט קיין זכר –
א קדיש קענסטו אפזאגן דא אומעטום –
די שטילע שאטנס שוועבן ארום דיר ארום
אז דיין טרויערבליק זאל ניט דערגרייכן...

א פאלק געווען, צינדט אן די יארצייט-ליכטער

פאר שלמהלעך צו אומשלאג-פלאצן אפגעפירט,

פאר רבקהלעך מיט ראזע שלייפעלעך באצירט -

א ליד שטעל זיי צום אנדענק, יידיש-דיכטער!

*

און דער, וואס האט דיין היים, דיין ווייב, דיין קינד,
דיין חלום
אויסגעברענט מיט פייער,
איז ווידער ערגעץ שוין פארטייעט -
זיי וואך, מיין ברענענדיקער טרויער
אויפן לויער! -
ס'האט אויסגעמיטן אים די שטראפנדיקע האנט דערשלאגן...
איז ער באהאלטן
אין די טיפסטע שפאלטן.
מיין גליענדיקער צער,
ניט ווארט,
ער זאל ארויסשפרינגען א כאפ-טאן פארן גארגל -
שטיקן -
מוזט אים דערבליקן,
אפילו אין די סאמע וויטסטע ווייטן,
דערגרייכן
אין די העכסטע הייכן -
א טויטן,
צי א לעבעדיקן
אויסגעפינען! -

באזינען
דעם גאנצן ים פון בלוט און טרערן
וואס ער האט צוגעגרייט
נאך נעכטן
דיך
צום סוף דערשעכטן...
*
אוי, ווו איז די נקמה?!
צי וועט זי קומען?
איעדער שטיין צום הימל שרייט:
נקמה!
איעדעס קינדער-שיכל -
א פארוואלגערטע נשמה -
ביי דיין געלעגער אין די נעכט טוט שטומען:
די נקמה!
איעדעס קנעפל אפגעפונענער אין אש -
א סימן, אז דא איז געווען אמאל
א שטוב,
א היים,
א גאס, -
פארקלעמט זיך אין דיין הארצן און רחמנות -
דו זאלסט אים מאנען:
די נקמה!
איעדעס שימה-בלעטל האלב פארשרפעט,
די אותיותלעך פירקאנטיקע - א שווארצע הארפע,
וואס יאמערט דיר אריין אין שלאף:
אוי, די נחמה,

זוך אין דער נקמה!
דער מארגנשטערן אין באגינען
און דער בריליאנטענער געפינקל אין די נעכט,
פאר דיר האבן איין זינען בלויז
איין ווארט, דעם איינציקן,
וואס איז גערעכט:
נקמה!

*

פון געטא-ווארשע קומט א ווינט צו לויפן:
א יידיש יינגעלע - א פונקעלע אין אש -
א גוטער קריסט האט אים געפירט צום טויפן
און ווידער מיטן לעבן אים פארקנסט!

פון געטא-ווארשע קומט א ווינט צו טראגן:
אויף מילע 18 דויערט נאך דער שטאב...
די שאטנס העלדישע נאך אלץ פאריאגן
א שרעק אריין אין אדערן פון שוואב!

אין געטא-ווארשע, ביאליסטאק און ווילנע -
אין ביעלאוועזשער וואלד גייט אן די שלאכט -
א שניידער און א שוסטער און א מילנער -
זיי האבן די נקמה צוגעטראכט!

*

ער איז אנטרונען פון דער גרויסער תליה...
אין נירענבערג א ציפער האט פארפעלט -
מיט אלע שאטנס, מאסקעס, צוימען זיך פארשטעלט,
נאר אונטער אים די טריט, ווי פייער גליען!

און אלע בליקן האבן אים געשראקן....
דאס הארץ אין אים, אן אויפהער, טאג און נאכט
געפרעסן האט א גיפטיקער פארדאכט -
געזעצט אין ברוסט, ווי טויבע אבל-גלאקן...

דער שאטן פון זיין ווייב פלעגט אים פאריאגן,
דער אטעם פון זיין אייגן בלוט - די זין -
זיין אומרו איז אין זייער בליק פארשפינט...
און זייער פרייד פלעגט אים א שרעק דערייאגן...

נאר איין טרייסט איז אים געבליבן:די צוואה
דעם פיורערס וועט ניט ווערן אפגעהיט,
אויב ס׳אטעמט נאך אזוי א לעצטער ייד... -
ער וואלט פאר ווייטיק ווי א וואלף געוואיעט -

דער דריטער רייך - ווי אומזיניק געפאלן! -
דער גראבער געריננ ט׳אים אין י"ש פארשפילט,
דער היטקעדיקער געבעלס - אים פארבילט...
נאר דייטשלאנד וועט נאך שאלן: "איבער אלעס"

דערווייל – דערווייל פארווישן אלע שפורן
שא-שטיל, קיין ריר זיך ניט פון ארט, קיין קלענסטער שמער –
אין קבר שטילעניש זיך איינגעהערט –
דעם פערטן רייך ... נאך ווערט זיין די יסורים!

*

נאר פלוצלינג רינט דער שיינער חלום אויס! –
דער ייד דער אייביקער האט אים באזיגט...
דורך אלע ווייטעונישען אים דערבליקט
און שטעלט אים אין א שטייג פון גלאז ארויס!!!

*

האט דען ווער זיך געריכט? –
ער אליין אויף געוויס ניט...
ערגעץ ווו אין א ווייט-פרעמדן האפן,
אין א נעץ אומגעריכט
האט ער פלוצלונג געלאזט זיך פארכאפן!

אין א גלעזערנער שטייג
און א ליכט אזא שלאגט...
פון דעם מינדסטן בליק ניט באהאלטן
און דער מאנסטער אלץ שווייגט,
ווי אין פינצטערער נארע באהאלטן.

אין א גלעזערנער שטייג –
ניט ארויס ניט אריין,
מיט א פינצטערער נאכט אין די אויגן,
גלייך עס וואלט אים דערשלאגן די שיין
און די פעטלע אים ענגער פארצויגן...
אין א גלעזערנער שטייג –
יא, דאס איז שוין דער סוף!

יא, עס גרוילט שוין דער איזיקער אטעם...
און דער מאנסטער אלץ שווייגט,
גלייך א בארג, וואלט זיין קבר פארשאטן...

*

כן יאבדו כל אויביך! -
ניין, ניט קיין געבעט -
הענגען זאל מען דעם פארברעכער,
כל זמן ס'איז ניט שפעט.

כן יאבדו כל אויביך! -
זיידעס א פארזאג -
ביזן צענטן דור פאררעכנט
אין דער שיין פון טאג...

כן יאבדו כל אויביך! -
אדאלף אייכמאן הענגט -
קיינעם ווערט אזא פארברעכן
קיין מאל ניט געשענקט.

כן יאבדו כל אויביך! -
אייכמאנס נאך א סך...
די סכנה דורכצוברעכן -
זיי וואך!!!

סוף מאי 1962

*

געשען איז די גערעכטיקייט דעם מערדער-איבער-מערדער!
אויף אט דער ערד דער יידישער באשערטער,
געפאלן דער פסק-דין איז
קורץ און הארט!
די מאמע רחל וויינט נאך אלץ איף אירע קינדער...
כאטש אונדזער גרויסער צער - א טראפן ניט געלינדערט -
האסטו מיין פאלקיש הארץ
דיין גרויסן טאג דערוואַרט!

אזוי זאל עס געשען מיט אלע דיינע שונאים! -
די גאנצע מענטשהייט זאל נקמה מאנען,
ביז ס׳זשיפעט נאך אן אייכמאן
ערגעץ ווו -
מיט אלע וויינטן-ווייען
זיין אש זאל מען צעזייען! -
ערשט דעמאלט וועט באשערט דיר זיין
די רו...

1 -טער יולי 1962.

# ביי פּרינט

## ר ו מ ע נ י ע
(סאנעטן)

א.

צי דארף איך דיך נאך אנרופן ביים נאמען? -
איעדער ווענמען טרעטן ס׳איז באשערט
אויף אט דער שיינער וווּנדערלעכער ערד -
פון קינדווייז אן ער טראגט אין זיך דיין זאמען...

דער זונאויפגאנג גייט אויף אין זיינע בליקן
און אויף זיין הויט - דיין רייפער גאלד א בלענד -
אין שווערער מי - ער האט דיין גוטס דערקענט
און בויט שוין צו די שטערן בלויע בריקן...

ווי רייך דו ביסט! - דיין שפע גייט אריבער -
אויף שטענגעלעך קוועלט דיין שטארקער ווייץ,
די קוקורידזע גליט אין ברוינעם פיבער

און ס׳פלייצט פון הימל אזא ווייסע שיין...
צי דארף איך דיך נאך אנרופן פאר ווענמען?
ווי שיין דו ביסט, שווארצאויגיקע רומעניע!

ב.

כ׳ געדענק נאך אלץ - ווי מיט דער האנט דערלאנגען -
ארויסרייסן אונדז פלעגן זיך פון הארצן ...
פון היים מיינער פון דיר - די שוועסטערביידע -
דאס ליד פון ארעמקייט מיר פלעגן זינגען...

דער זעלבער יאך געדריקט האט אויפן רוקן:
בײם װײסל-דונײ - פײף פון דער נאגײקע
און קארג און ביטערלעך די טורמע-פײקע...
צום הימל פלעגט מען דורך די קראטעס קוקן.

כ׳ געדענק נאך אלץ - ווי מיט דער האנט דערלאנגען -
איענע וואר די טרויעריקע שווארצע...
אין בלוט-טרערן געוויקטע די געזאנגען -

ארויסרייסן אונדז פלעגן זיך פון הארצן...
ווי קען מען יענע צייטן ניט דערמאנען -
דורך זיי - דיין שיינקייט פולער צו דערקענען?

ג.

אמאָל און היינט – ס׳איז שווער באַלד צו פאַרגלייכן
פון דלותדיקן נעכטן מען פאַרגעסט...
מיר דאַכט, אַז דאָ געשעט עפּעס אַ נס:
רומעניע אַנטאַנעסקוס איז פאַרבלייכט שוין –

נאָר אַנשטאָט צו אַלט ווערן – ווערסטו גאָר יינגער...
מיט יעדן חודש און מיט יעדן יאָר
צעוואַקסט זיך אַלץ דיין בליענדיקע וואָר –
אין פרידלעכן געררדיש פון מי פאַרקלונגען.

דיין מי קאַלודרטישע איז דיר געראָטן
און פּירסט די שפּע אַפּ אין פולע שייערס.
דיין פויער וועט שוין זיך ניט פאַרלייען –

צום בית הקברות... דער שטעג פאַרשאָטן –
צו אים געהערן שוין די אַלע גיטער –
אַליין דער זייער און אַליין דער שניטער...

ד׳

און דארט אויף לינקס, ווי צום מאגנעט געצויגן -
דער הויכער פיעדעסטאל פון רויטארמייער -
די הויכקייט גיט א שווינדל פאר די אויגן -
א פארכטיקייט אין הארצן טוט פארווייען...

אט איז זי דאך די ברידערשאפט געטרייע,
וואס פון אקטאבער שלאגן אירע קוואלן -
ביי יעדן העלד וואס איז אין שלאכט געפאלן -
מיט שטראלן-רום פלעגט זי זיך אלץ באנייען...

אויף אט דער ערד רומענישער פארגאסן -
דאס ברודער-בלוט ט׳זיך אויסגעמישט אינאיינעם,
גלייך פון איין ביקס די קויל ארויסגעשאסן

אין שונא דעם אכזריותדיקן איינעם -
געהייליקט איז די ברידערשאפט פון וואפן
פון ארבעטס-מענטש אין דרום און אין צפון !!!

ה׳

די גרויסע שטאט, ווי זי איז מיר צום הארצן!
איעדע רגע, ביי מיין יעדן שפאן -
אזוי פיל נייעסן פאר מיר פאראן,
אזוי פיל שיינקייטן אנטקעגן קווארצן,

אז יעדן מענטשן וואס אין גאס כ׳ באגעגן,
כ׳ וואלט אויסגעשטרעקט מיין ברידערלעכע האנט -
מיר גייען אלע דאך היינט האנט ביי האנט
דער ברידערשאפט דער שטראליקער אנטקעגן!

באטש ער, מיין ברודער דער רומענישער -
דאס מזל האט אים צוגעשפילט אין לעבן -
דאס גרויסע גליק פון פרייהייט קען ער שוין...

באטש מיר איז עס ביז איצט נאך ניט געגעבן -
פון טיפן הארץ די פריידן איך פארגין אים -
צו חברשאפט דעם וועג כ׳ וועל אויך געפינען!

ו׳

די חברשאפט ביז לעצטן זיג וועט סטייען
אין אלע שלאכטן פאר דער גרויסער זאך...
רומעניע, כ׳פיר אהיים מיט זיך דיין פראכט -
מיט איר וועט זיך מיין לעבן אויך באנייען.

צו אלע ליבשאפטן קומט צו נאך איינע:
מיין פוילן-היים, וואס כ׳טראג איר אום אין בלוט,
בולגאריעס שיין אין הארצן מיר בארוט,
ישראל מיט די שווערע טרערן-פיינען.

נאר כ׳ווייס, אז ס׳איז דער וועג שוין ניט קיין ווייטער
מיין היים, זי וועט באפרעלען זיך מיט טויען...
ביים גרויסן דעם אלפאלקיש-רויטן שייטער -

נאך טיפער וועלן ווערן אירע בלויען -
ישראל מיט רומעניע - שוועסטער נאענטע -
אין ליד פון אונדזער ברידערשאפט דערקענטער!

בוקארעשט, סעפטעמבער 1962

## בּלומען...

דאס לאכנדיקע מײדל אינעם טיכל,
װאס אירע אויגן - דורכזיכטיקער הימל -
האט פּלוצלונג אין דער טיר ארײנגעװימלט
און כ׳ לײען װי אין אויפגעמאכטן ביכל...

איך לײען, אבער גארניט ניט פארשטאנען
און ניט דערפאר, װײל ס׳לאכט צו מיר דאס מײדל...
און ניט דערפאר, װאס זי איז אזוי אײדל
און ס׳זינגט איר שטים - א פויגל אויף די לאנען -

א נײן, א נײן, איך ציל די זילבן דײטלער,
גלײך כ׳װאלט דעם אלף בית גענומען לערנען - -
שוין ליבערשט האקן האלץ און שפּאלטן שײטלער,

װי אט דעם זינגפויגל איך זאל דערצערנען -
איך מאך אן אנשטעל, אז כ׳האב אלץ באנומען -
דערפאר האט זי ארײנגעבראכט מיר בלומען...

## — מיין ליד איז ניט צו שיינקייטן...

א, ניין! - מיין ליד איז ניט צו שיינקייטן געשאפן...
בולגאריע, זײַ מיר מוחל פאר די רייד; -
א ווייל בלויז קום איך צו דיין פרידנס-האפן,
נאר אויף דיין גוטער ערד בין איך אלץ גרייט,

אוועקצוגיין מיט ליד מיינעם זיך שלאגן -
מיטן פנים זיך צו שטעלן דער געפאר,
וואס לויערט אויף מיין קלאס פון אלע ראגן -
די שנאה וואס מיין פאלק פארצערן גארט...

און דא איז אזוי שיין, ווי נאר אין חלום! -
די ברידערשאפט מיך טוליעט צו צום ברוסט.
די ליבשאפטן וואס כ׳האב זיך אויסגעמאלן,
האב איך זיך דא צום ערשטן מאל דערוווסט.

מיין ליד איז ניט צו שיינקייטן געבארן,
נאר ס׳איז דיין ברידערשאפט מיין אייגן ציל.
אז מיין געמיט איז ליבטיקער געווארן -
דאס האב איך אויף דיין שיינער ערד דערפילט.

בולגאריע, היים מיינע, כאטש אויף א רגע...
מיט יונגשאפט דיינער גיסט זיך אן מיין גליד,
ווי שווער עס זאל ניט זיין מיר דאס אוועקגיין -
אויף אייביק וועסטו שיינען אין מיין ליד.

1961 סעפטעמבער
לולין

## א ווייסער רעגן...

דער שווארצער ים, ווי תכלתדיק ער איז,
גלייך ס׳וואלט דער הימל זיך פון אים גענומען -
א בלויער, אזא דרימלענדיקער ריז -
ניט אנדערש, ווי פון כשופן באנומען...

ער ליגט אזוי איצט אויסגעצויגן שטיל,
ווי ווייט דאס שטארקסטע אויג קען אים דערגרייכן -
ביים האריזאנט זיין איידעלער פראפיל
מיט דינעם דורכזיכטיקן שטיפט געצייכנט.

די זון איז נאך דערווייל א רויטע אוי -
אין מערב-זייט זי ווערט דארט ערשט געבארן.
א ווינטל גייט נאך אזא גלעט, א ווײַ
און ס׳בלעזלט אויף דער ים ווי בלויער קארן,

נאר פלוצלונג, זע: א ווייסער רעגן פאלט! -
ווי שווער איז מיר צו גלויבן, אז איך זע עס -
דער גוטער שווארצער ים וועט ווערן באלד
א שיסל פול מיט גאלדענע מטבעות...-

כאטש נעם און שעפ און שעפ מיט פולע הענט
און וועסט באגליקט ווערן איף אלע צייטן...
דער שווארצער ים - האסט איין מאל אים דערקענט -
וועסטו אים אויף א צווייטן ניט פארבייטן.

אויגוסט 1961
ווארנע

## דאס ליד...

די שיינקייט דארף דאך אויך האבן א מאס,
נאר אט די שיינקייטן פאר מיינע אויגן,
ווי פרעסט מען זיי אריין אין אזא וועטער-מאס,
זי זאל ניט ווערן אויסגעקרימט און אויסגעבויגן -

ביז פון יסוד זי ווערט ארויסגעריסן,
ווי ס׳רייסט א שטורעם אויס א בוים פון מוטער ערד...
די תכלתן אזוי זיך גיסן, גיסן,
גלייך ס׳וואלט זיי אזא אייביקייט געווען באשערט

פארצויבערן די בליקן פון דעם מענטשן -
א לויטערקייט פארפלייצן זיין געמיט,
ביז ער זאל פארכלינעטער פון פריידן נעמען בענטשן -
און דעמאלט פון די שיינקייטן קומט אויף דאס ליד...

אויגוסט 1961
ווארנע

## ביים שווארצן ים

אזא מין העלעניש ביים שווארצן ים,
אזא מין בלויעניש מיט גאלד פארגאסן,
אז וואס לענגער דא כ'פארזאם,
א יונגע קראפט צום הארץ ווערט אנגעפלאסן -

דאס פאטשן אן די וועלכעלעך אין ברעג -
מיט ליפלעך טויאיקע דאס גאלד צעקושן....
אז אין דער פליסטערניש וואס אן אן עק
פארנעם איך ווייטע ליבטיקע גרוסן

פון ברידער היימישע אין מי און גליק,
וואס ווייסן שוין דעם טעם פון גרויסע פריידן,
פון קינדערלעך, וואס ס'האט זיי אפגעגליקט
די קינדהייט פון פארלארענעם גן-עדן

צו אפגעפינען דא ביים שווארצן ים,
וואס האט די שווארצקייטן צום דנא פארשטויסן...
אוי, וואס ער רגע לענגער דא כ'פארזאם -
מיט שטארקייט גיסן אן זיך מיינע פויסטן -

א שלאג צו טאן אין עוולה פון מיין היים -
ווי טיף זי האט זיך אויף מיין ברעג פארנעסטעט -
אין הייזקעס אר'עמע פון קרישל-ליים -
דער וווּנדער זאל דארטן געשען דער גרעסטער -

די פרייד אין אומעט-הארץ זאל טאן א העל,
ווי דא פון יעדן שטראלנדיקן מענטשן,
ווי פון א יעדן היימישן דא שוועל,
וואס האט די מאס פון העלקייטן דערקענט שוין...

אויגוסט 1961
ווארנע

## רויט-ציגלדיקע דארפישע בולגאריע...

רויט-ציגלדיקע דארפישע בולגאריע,
איך האב דיך געזען פארטאן אין דיין מי.
ווען אויפן מזרח האט גענומען שאריען,
איז שוין געווען א שפעטער אינדערפרי...

דו האסט מיט בראזדעס שווארצע טיף געאטעמט -
געגרייט אויף ס׳ניי צום ליכטיקן פארזיי.
די רייפקייטן מיט זומערגאלד פארשאטן -
האסטו אין זעק די בייכיקע פארנייט

און אפגעפירט אהיים אין פולע שייערס -
די מאמע ערד האט ניט געשפארט איר זעט,
נאר דו בולגאריע האסט א שניט א נייעם
פארגרייט-דיין פרייד-שפע נאך פולער ווערן וועט.

ס׳איז דיין געזאנג ווי דיינע גוטע ווייגען...
די קוקורידזע-שטעקלעך שיטן אפ מיט גאלד
און דיינע הייזקעס די געמויערטע צעשיינען -
באטש ניט ארומגעטינקעוועט, נאך ניט פארמאלט -

דאך שלאגט פון זיי א ווארעמקייט א היסע,
ווי פון דיין נאר וואס פריש געשניטן ברויט...
בולגאריע פויערשע, דיין כוח ווייס איך:
ביסט אומזיגבאר ווייל ביסט געווארן רויט!

ספטעמבער 1961
ווארנע

# אנטקעגן דעם וויטאַש

דער וויטאַש אין זוניקן נעפּל פאַרהילט -
זיין רוקן ווי דין איז געצייכנט.
א ווינטעלע גיט אין די צווייגן א שפּיל
און ס'האַרץ וויל צום באַרגשפּיץ דערגרייכן...

צופוסנס דעם וויטאַש - א פּליין אויסגעבעט
און שעפּסעלעך זאַרגלאָז זיך פּאַשען.
צום טאַלכל אַראָפּ, ווי צום הייסן געבעט -
די ביימעלעך פּלוצלונג צעראַשן.

און ווידער ווערט שטיל, אַזש די שטילקייט טוט וויי...
צי איז עס די וואָר, צי אין חלום? -
א וועלט ביי די אָפּגרונטן טיפסטע זי שטייט,
גלייך זי וואָלט געוויגט זיך אויף שאָלן -

אַרויף און אַראָפּ,    אַראָפּ און אַרויף -
די שרעקן צום האַרצן דערלאַנגען...
און, דאָ, גיב א קוק נאָר צום וויטאַש אַרויף
און ס'האַרץ ווערט דיר פול מיט פאַרלאַנגען -

די ליכטיקייט שעפּן אָן מאָס, אָן א סוף -
אין שטילקייט זיך לאָזן פאַרוויגן
אַזוי ווי צום ערשטן דעם קינדערשן שלאָף -
ביים זיסן דעם מאַמעשן ניגון....

1961 סעפּטעמבער
לולין

# איך ווייס שוין...

א, כ׳ וויס שוין, וואס ס׳האט מיר פארפעלט
אין אט דעם אויסגעטרוימטן ווינקל,
ווו אלץ אין בלענדיקייט צעהעלט,
מיט ליבשאפטן פון הארץ צעפינקלט.

איך ווייס שוין וואס אין ברוסט מיך נאגט -
פארשטערט די רואיקייט א ווײַלע:
אין אט דעם וווּנדערלעכן טאג -
מײַן נויטן-היים פאר טויזנט מײַלן -

דארט גייט אן דער געראנגל אלץ -
פאר רגעס פרייד דארף מען זיך שלאגן;
דער צארן גיט א ווערג בײַם האלדז
די בלוטן זיך צום הארץ דערשלאגן...

באטש ס׳איז מײַן אפרו שווער פארדינט -
די שלאפע גלידער היילונג מאנען,
וואלט איך אויף פליגלען פונעם ווינט
געפלויגן, ווען כ׳זאל פליען קאנען -

צו שטעלן גיכער זיך אין רײ -
אן אקסל צושטעלן די ברידער.
ווײַל אין געראנגל איז מײַן פרייד
און מײַנע פריידן אין די לידער...

1961 לולין

## דער מהר"ל פון פראג

דער מהר"ל פון פראג געקומען מיר צו חלום,
אין פראג דער־שטאט כ׳קום צום ערשטן מאל
ער האט מיר אויסגעשטרעקט א ברייטן שלום
און כ׳האב דערפילט זיין גלעטנדיקן קול.

ברוכים,געבענשט זאל זיין,מיין קינד,דיין קומען
האב איך פון שלאף ארויסדערהערט זיין זאג:
מיין גולם, זע, טראגט דיר אנטקעגן בלומען
פון יעדער גאס אויף יעדן מינדסטן ראג,

די הארן זיינע - קיין סימן נישט פארבליבן,
דער חומר פון מיין גליאיקן באשאף,
קאן פיינט האבן - נאר ווייסט אויך שטארק צו ליבן
זיין בליק אי שארף אי קינדעריש פארגאפט.

דו ווערסט מיין גולם מער שוין נישט דערקענען,
אויך איך אליין דערקען נים מיין יצור -
און אט די ליכטיקייטן וואס צעברענען
אומזיסט ווערסטו ארומזוכן זיין שפור.

אזא האט זיך געחלומט מיר דער חלום - -
ווען צום ערשטן מאל כ׳בין ארויס אין גאס
האט יעדער בליק מיר אויסגעזונגען שלום
און איך האב מיט דער ליבשאפט זיך פארקנסט.

פראג 8.9.1964

## פ ר א ג

ס׳איז פראג דערווייל פאר מיר נאך אלץ א סוד,
וואס איך פרוּוו אים פון אלע זייטן צו דערגיין.
איך האב געוווסט שוין לאנג, אז אט די שטאט איז שיין
נאר עפּעס ניט פארהיימישט האט זיך נאך מיין טראט. -

איף אט די גאסן וואס רוישן אויף באגין
און ריטמען איין א ניגון אין געמיט,
ס׳איז פראג פאר מיר נאך אלץ אזא מין ליד
א וועמענס ניגון מיר פון מאל צו מאל צערניט -

ס׳איז היינט מיין צווייטער אינדערפרי אויף טשעכיש ערד
דער הימל האט א גרויער אונדז באגעגנט,
עס האט שוין אויך אביסל צוגערעגנט
א פריער אומעטיקער אסיען איז אונז דא באשערט.

נאר פארט וועל איך דעם סוד פון פראג דערגיין,
איך ווייס דאך שוין פון לאנג אז זי איז שיין..

9-טער סעפטעמבער 1964,

## א  ח ל ו ם!

א חלום! ניט קיין חלום, נאר די הייסע, פולע וואר!
א ניגון ליכטיקער פון אונטער הארץ געזונגען...
ווי ס׳וואלט מיין אייגענער, מיין מי-און-מאטער-דור
מיט בלויע שטערן-טריט אוועק-געשוואונגען

פון אונזער אלטער קראנקער, פיבערדיקער ערד
צו הויכן ניט-געזעענע-געהערטע -
א וועלט ווו בלויז דעם בליק געווען באשערט
באטרעטן אין די רגע׳ס צער-באטרערטע...

א חלום? ניט קיין חלום, נאר די אויפגערוישטע שיין
פון אור-גליק... דורכן מענטשן דורכגעטראגן
אין אלע בלוט-מבלען און אקעאנען פיין,
געברענטן אויף די אלע פייער-סטאגן -

געהאנגענעם געווארגענעם אויף יעדן תליה-בוים,
דערשאסענעם אויף אלע ברידער-פראנטן...
פון אוראלט-און דער אייביק-לויכטנדיקער טרוים
אין לעצטן גסיסה-צאפל א דערמאנטער...

א חלום? ניט קיין חלום פערלט אויצט אויף פאר מיין בליק -
די ליכט פון דעם פארלארענעם גן עדן,
ווו אדם-חוה קערן זיך צוריק -
די ליבשאפטן באגעגענען זיי ביידן...

די שלאַנג פון שנאה, זי דערגוססט שוין ביי אונזער שוועל!
דער גואל, ער פאַרהיילט שוין זיינע וווּנדן -
ער דאַרף א לעצטן-לעצטן טראַט נאָך טאָן א שטעל...
צום גליק פון מענטשן אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט!

תל-אביב, 31-טער יולי 1961

## פ ל י   מ י י ן   ל י ב ש א פ ט!...

פלי מיין ליבשאפט צו די הימלען -
שיינע וואלענטינע!
דארטן ווו די שטערןווימלען -
וואס וועסטו געפינען? -

אזא פרייד א ניט געאנטע...
אין די העכסטע רוימען -
דארטן אין די ווייטסטע קאנטן
ווערן וואר - די טרוימען...

פלי מיין ליבשאפט, כ'זינג א ליד דיר -
פון מיין הארץ - א ניגון -
נאך א טאג פון מי א מידע -
דיך צום שלאף פארוויגן...

אויסגעחלומט האבן ברידער
דיר - מיין שטערן-מיידל...
און די שוועסטער אין די לידער
האבן דיך געאיידלט...

נאר ווען ס'איז דיין שעה געקומען -
פליען צו די שטערן -
אלע הערצער פריידיק שטומען
און מיט אנגסט באגערן -

זאלסט צוריק פון דער נסיעה
הימלשער דער גרעסטער -
ווידער איף דער ערד זיך מיען -
קומען צו די שוועסטער...

פלי מיין ליבשאפט, פלי מיין לעבן -
דד סאוויעטיש מיידל.
פריער פלעגסטו שטאפן ווען -
איצט - א שטערן-קלייד דיר...

תל-אביב, דעם 17-טן יוני 1963

## א גרויסע פרייד און ס'הארץ איז אזוי קליין...

א גרויסע ימיק-אויפגעברויזטע פרייד
און ס'הארץ מיינס איז אזוי, אזוי גאר קליין!
א יעדע רגע, וואס זי איצט פארגייט -
דורך אלע אייביקייטן ווערט באשיינט.

כ'פארהאלט דעם אטעם און כ'פארהאלט די צייט.
זאל אט די רגע אייביק בלייבן מיר,
ווען פלוצלינג גיט די מענטשהייט א פארבייט
איר אייגענעם, איר ערדישן קאליר...

און טוט זיך אן א חלום-קלייד פון בלא
און שווינגט אוועק צום ליכטיקן וועלטאל...
געבענטשט זאל זיין די רגע און די שעה,
ווען לעצטע גרענעץ פון דער ערד צעפאלט

און די לבנה אין איר גלייווער גאנג,
זי גיסט זיך אנעט מיט א יונגער שיין,
געבענטשט זאל זיין דער ערשטער הימלפאנג,
וואס פאלט דעם מענטשן אין די הענט אריין.

א גרויסע ימיק-אויפגעברויזטע פרייד
און ס'הארץ מיינס איבערפולט, אזוי באגליקט!
אן אייביקייט גייט אויף איצט און פארגייט
אין שפיגל פון מיין אויפגעשיינטן בליק.

## א טאסט דער ווונדערלעכער צײַט!

א טאסט, א טאסט דער ווונדערלעכער צײַט!
דער מענטש האט אנגעניײט זיך הימל-פליגלען
און פון דער מאמעס ערדנעסט באפרײַט
פארמעסט צו דער לבנה איבערהיגלען.

די ערשטע הימלשוועל אהינטער זיך
און ווײַטער אויף די מילכוועגן געפלויגן!
די שטערנפונקען פליען פון די שיך
און זונענקראטערס שיסן פון די אויגן.

די בענקשאפטן נאך צוגעזאגטן גליק –
א קאמפאס אין די רחבותן אים פירן
און לייגן אויס פאר אים די זיכערבריק
צו אלע די פארבארגנסטע עפירן.

ווו ס׳איז באהאלטן דארט מסתם דער סוד,
פון גרויסן דעם אלמעכטיק-פולן ווונדער,
וואס קיניגט אלץ נאך, אלץ נאך, ווי א גאט,
וואס האט דעם לעבנספאקל אנגעצונדן...

א טאסט, א טאסט דער שטראלנדיקער צײַט,
פאר שוווגען און פאר טראונגען די גרעסטע,
ווען ס׳ווערט דער מענטש פון אנמאכטן באפרײַט
און פון דער וואר צום חלום זיך פארמעסט ער.

# אינטים

מ'ך ארט ניט, וואס דער זומער איז אנטלאפן...

מ'ך ארט ניט, וואס דער זומער איז אנטלאפן -
נאך אלע זומערס קומען מח דער הארבסט...
דער בער דארף דאך דעם ווינטער איבערשלאפן
און אויף זיין פעל פארקריצן נאך א קארב.

אים ארט געוויס זיין בליק וואס ווערט ניט שארפער -
די גלידער, וואס דער כוח זיי פארלאזט,
ווייל קומען וועט א טאג ווען ער וועט דארפן
אנטלויפן פון א יעגערישן שאס...

אנטלויפן פון א מענטש אין וואלד געדיכטן -
באהאלטן אין זיין נארע זיך צוריק...
נאר איך בין ניט קיין בער - א יידיש-דיכטער
און נאך ניט אפגעשוואכט איז מיר מיין בליק...

איך זע נאך אזוי פיל און פילן פיל איך
די שיינקייטן פון יעדן ציטן-בייט -
איעדער טאג האט זיין באזונדער הילך,
איעדע שעה אנטקעגן קומט פארשייט.

מיט נייעם קלאנג און פארב, מיט פרישן ציטער,
מיט הילכיקן גערויש, מיט שטילע טריט,
מיט ניגון, וואס איך הארץ א שפור פארהיט ער,
מיט פריידן און מיט אומעטן אין ליד.

מיך ארט ניט וואס דער זומער איז אנטלאפן
און ס׳לויערט שוין דער ווינטער ביי מיין שוועל -
כ׳זאל נאר דעם לעצטן שניי-שיט ניט פארשלאפן,
ווען ס׳גיט דער בליק מיט נייעם צוויט א העל...

סעפט. 1962

## ד ע מ ע ר....

אט האלט דער טאג זיך ביים פארנייגן -
א וויג-ליד לוליע איך אים צו....
און ביז ער וועט צום שלאף זיך לייגן
אין זיסער אויסגעבענקטער רו,

וועט נאך געדויערן א ביסל:
דער טאג וועט אויסבעטן דאס בעט,
די וועלט פארשליסן מיט א שליסל
און אז ער איינשלאפן שוין וועט,

וועל איך נאך אלץ ביי זיין צוקאפנס,
א וואכער שוויגנדיקער. שטיין,
ביז וואנען ס׳וועט דער לעצטער טראפן
פון טאגליכט אין מיין הארץ צעגיין...

1964

## – ד ע ר   פ א ע ט

דער פאעט זעט מיט וויפל פאר אויגן
און זיין הארץ וויפל הערצער פילט אפ...
דאכט זיך וואס, אויפן אקסל איין קאפ –
וואלט זי אויך אין די הימלען פארפלויגן.

און דער הארבסט אזוי גאלדיקט אין דרויסן.
און די לופט אזוי ווייך איז און מילד,
נאר דאס הארץ פון פאעט – אזוי ווילד –
וואלט פון ברוסט אים ארויס זיך געשטויסן

און אנטלאפן אויף ווייט-פרעמדע שטעגן –
זיך געווארפן אין ארעמס אנטקעגן
יעדן וועלכער וואלט אונטערגעקומען...

אוי, ווי מאדנע די אלע פאעטן –
אויף די ווענט וואלטן זיי רק געקלעטערט,
אז די בענקשאפט אין הארץ זאל פארשטומען...

נאוועמבער 1962

## ג ע ד א נ ק ע ן....

שטיקלעך. ברעקלעך פון געדאנקען,
כ׳קלייב זיי - ווידער שטעל צונויף
אלץ וואס האט גענומען צאנקען
און געהאלטן שוין ביים סוף,

ווי עס וואלט באנייט געווארן
מיטן כוח פון דעם טאט...
אך, די יארן מיינע יארן,
ווי זיי ווערן אלץ ניט זאט.

נאך א מאל און נאך א מאל מיר
שטעלן פאר א נייעם פרווו -
אז ס׳ווערט שווער אזוי דער עול
-אויסהאלטן! - איך הער א רוף.

שטיקלעך ברעקלעך פון געדאנקען...
און דערווייל פליט דורך די צייט -
זאל איך וויינען? זאל איך דאנקען? -
יארן גייען סיי ווי סיי...

1962

## נאכאמאל און נאכאמאל מיין לעבן

קוועלנדיק, בליענדיק, פרילינגדיק,
נאכאמאל און נאכאמאל מיין לעבן -
דורשטנדיק, גארנדיק, ווילנדיק
כ'וואלט אינגאנצן דיר זיך אפגעגעבן...

אן א מאס, אן צאל, אן גרענעצן,
נאכאמאל און נאכאמאל מיין לעבן -
ניט געקארגט מיין ליד פאר עמיצן -
כ'וואלט מיין בלוט אויך פון אדער געגעבן...

גרייט בייטאג, ביינאכט, אין דעמערן,
נאכאמאל און נאכאמאל מיין לעבן -
שעפן בלא מיט פולע עמערן... -
אויב געשוועבט - אין הויכקייטן פארשוועבן!

אפריל 1962

## אראפ בין איך פון וואגן?

אראפ בין איך שוין, זאגסטו, פונעם וואגן -
פאַרבליבן הינטערשטעליק אלט און מיד?...
א וואסער וואגן ברודער, וואסער שמאגן? -
געפעדערט האט אין גאס ארויס מיין ליד...

די זון הינטער די קאלטענעס באהאלטן,
דער ים האט נאך אין טונקלניש געבלויט
און ס׳ ליד מיינס האט געאיילט אזא צעשטראלטס
אנטקעגן ערשטן מארגנשטערן-רויט...

מיט עפעס אזא יוגנט איפגעוועקטער,
מיט עפעס אזא פארגעפיל פון פרייד
צום נייעם טאג אנטקעגן אויסגעשטרעקטער,
מיט פרישער קראפט א זינג צו געבן גרייט.

## ווי שרעקלעך לאנג די נאכט ...

ווי שרעקלעך לאנג די נאכט האט זיך געצויגן....
אן אייביקייט האב איך געציילט די רגעס -
דער שלאף איז מיר אנטרונען פון די אויגן
און כ'האב געווארפן זיך אויפן געלעגער,

גלייך כ'וואלט זיך ניט געקענט געפינען.
מיין טייערע, וואס טוסטו אין די שעהן? -
געוויס ווארטסטו אויך איצט אויף דעם באגינען...
און אפשר, אין די טיפע אויגן-דנאען -

באהאלטן, אז ס'זאל קיינער ניט דערבליקן -
דיר וואקסט דער פחד אן קעגן דיין ווילן
און דו ווילסט אים מיט לעצטער קראפט דערשטיקן,
אז איך זאל איצט דיין אומרו ניט דערפילן....

צי ווייסטו ניט, אז כ'בין ניט פון די שוואכע
און כ'מייד ניט אויס אין לעבן קיין געשלעגן? -
נאר עפעס היינט - די שעהן מיינע וואכן...
און ס'הארץ האט זיך געלאזט אין די געיעגן -

ווהין? צו וואס? - צום ערשטן מאל כ'האב מורא!!!
פאר זיך אליין עס שרעקט מיך ניט דער מעסער -
אין די גראנגלען ווער איך ניי-געבוירן,
נאר דיך וואלט איך געוואלט פארהיטן בעסער...

א שוואכקייט מיינע? צי דער אומרו מאטערט? -
כ'וואלט ליבערשט אויסגעשטעלט מיין לייב צום שניידן
און ס'וואלט מיין הארץ פון שרעקן ניט געפלאטערט,
אבי דיך נאר פון מעסער צו פארמיידן...

בוקארעשט אקטאבער 1962

## נ א ר   מ י ך   ב א ש ל א ג ן   א נ ג ס ט ן...

דער הארבסט איז שיין, נאר מיך באשלאגן אנגסטן ...
די מילדע ווארעמקייט ווערט מיר דערעסן
און ניט דער בלעטערפאל מיר אזוי באנג איז -
מיך שרעקן אלץ די שלאפלאזע מעת-לעתן.

די אויגן ברייט-צעעפנט אין דער פינצטער,
נאר כ׳זע ניט אויפן הימל קיין שום ליכטער -
א פייערל, א פונקעלע א מינדסטער
וואלט מיך דערפרייט - די נאכט ווערט אלץ געדיכטער

און כ׳זע שוין ארום זיך קיין שפאן ניט, גארניט.
און טויב איז זי די נאכט, ווי אויסגעגאנגען...
כ׳וויל שרייען, נאר איך ווייס דאך, אז מען טאר ניט.
כ׳וויל בעטן - ווער וועט הערן די פארלאנגען?

כ׳האב מורא פאר די שלאפלאזע מעת-לעתן -
שוין בעסער וואנדערן בייטאג א מידער,
שוין בעסער בלייבן אפטמאל ניט דערעסן -
דעם הונגער זעטיקן א מאל מיט לידער....

נאר אלץ מיט דיר, מיט דיר צו זיין מיין ליבע -
דעם לעצטן ביסן אויף דער העלפט צו טיילן...
אין שיינע וועטערן אין בייזע טריבע -
אי גוטס, אי שלעכטס מיר זאלן זיך דערציילן,

נאר בלייבן ביזן לעצטן טאג צוזאמען,
ווי ס'האט דער גורל אונדז באשערט אין לעבן,
נאר איינס מיט אנדערן ווי צווילינג-שטאמען
דער אייביקייט זיך אפצוגעבן.

## ד י   ע ר ש ט ע   ו ו ע ר ט ע ר....

איך האב גערעדט מיט דיר די ערשטע ווערטער...
האסט אויפגעכאפט זיך און דערזען די וועלט,
ווי עס דערזעט א מיידל איר באשערטן
און ס'האבן דיינע אויגן אויפגעהעלט...

מיט שפורן פון די ווייטיקן נאך קענטיק.
דיין שטערן איז געווען באדעקט מיט שווייס
און דו אליין - אין גליווערן אפהענטיק -
די פינגער ווי פון בראנדן זיינען הייס.

כאטש דיינע ליפן שוואך זיך נאך באוועגן
- האב איך געהאט געהערט שוין היינט דיין קול -
מיט ליבשאפטן געטראגן מיר אנטקעגן,

ווי אין די כלה-יארן גאר אמאל...
מיין טייערע, האסט אויפגעוואכט צום לעבן -
מיט מזל איז עס אונדז צוריקגעגעבן.

## שיין...

ס׳איז שיין די וועלט,
וואס שענער קען ניט זיין...
און עפעס אין מיר קווועלט
און עפעס אין מיר העלט,
ווי כ׳וואלט אליין געווען
א גאנצע וועלט.

די וועלט איז שיין,
דער מענטש איז שיין,
נאר צו דער גרעסטער שיינקייט
דארף מען נאך דערגיין.
און נייט אליין -
מיט ברודער אין דער ריי
- די וועלט און איך -
צוזאמען
וועלן מיר דערגיין...
און דאס וועט זיין
באמת שיין!

## דו שטער זיי ניט!

אין פארק דער בלעטערפאל
שפילט אויס זיין לעצטן טאן
די צווייגן הויל און באלד
וועט דא א רעגן טאן.

ס׳איז נעפלדיק און גרוי
ס׳איז אומעטיק און באנג,
נאר זע, אין זיך פארטרויט
א פאר זיצט אויף א באנק.
דו שטער זיי ניט!

א לעצטע בלאט פארדארט
אין געלן אנגסטן ווייַ
א ווינט וויינט אויפן דראט
גלייך ס׳וואלט געוויינט א קינד.
נאר זע דאס פארל ס׳האט
צופרילינגט גאר אצינד
גלייך ס׳וואלט דער קאלטער הארבסט
זיך אפגעטאן פון זיי.
דו שטער זיי ניט!

ער שעפטשעט איר א סוד
די צווייגן רוישן צו,
און זי אין שטילן גנאד
ווערט אין זיין שיין בארוט,
און ס׳פאלט אראפ א טרער
פון איר צעגליטן בליק
און ס׳האט די מאמע ערד
אין הארבסט זיי אפגעגליקט...

1964



## א דאגה?

א דאגה וועגן וואס מ׳האט צו שרייבן?
אבי די פעדער זאל אין האנט נאך דינען
און ס׳אויג זאל קענען זיך פונאנדערקלייבן –
דאס שענסטע פונעם שיינעם אויסגעפינען...

א דאגה וועגן וואס מ׳האט צו זינגען? –
דאס הארץ זאל קענען נאך דעם טאן פארציען –
פאר גוטס א פרייד פאר שלעכטס פון כלים שפרינגען
און פאר א טרער פון עלנטן זיך מיען...

ווייל דאס איז דאך דער תכלית, די כוונה:
פון סאמע העכסטן ביזן שטילסטן ניגון:
גערעכטיקייטן שטענדיק אויפצומאנען
און שנאה אין די שלאכטן צו באזיגן!

1962

## יעדער טאג, יעדע שעה, יעדע רגע...

יעדער טאג, יעדע שעה, יעדע רגע -
איך פארבלייב אלץ אין מיטן געפעכט
און איך דארף גארניט, וויל גארניט פרעגן,
צי דער קלאפ פון מיין הארץ איז גערעכט,

צי דאס קאכיקע בלוט אין די גלידער
האט א זין נאך ווען ס׳פראסטיקט דער קאפ
און דער שטראליקער טרוים אין די לידער,
צי עס קומט פון זיין ליכטיקייט אפ...

יעדער טאג יעדע שעה, יעדע רגע -
איך געפין זיך אין מיטן דער טאט
און איך דארף ניט, איך וויל גארניט פרעגן,
צי כ׳וועל ווערן פון מי א מאל זאט

צי מיין הארץ וועט א מידס פארשטומען -
מיין געמיט וועט א זאג-טאן: גענוג;
און כ׳וועל טרינקען דעם נאגנדן אומער
פון מיין ליידיק-געווארענעם קרוג...

יעדער טאג, יעדע שעה, יעדע רגע -
כ׳בין פארטאן נאך אין מיטן געזאנג
און איך דארף ניט, איך וויל גארניט פרעגן,
צי כ׳וועל זינגען די לידער נאך לאנג...

1962

# האַרבסט און ביי מיר פרילינגט....

האַרבסט און ביי מיר פרילינגט...
וועלקט און אין מיר בליט...
איז געמאָלט דען אַזאַ צווילינג
אין מיין שפּעטן ליד?

יאָ, די בלעטער פאַלן –
איך גיי אַלץ אַרויף...
אומעטן די אַלע –
כ׳לייג אַ שייטער אויף –

זאָל דער האַרבסט פאַרברענען
מיט דער לעצטער קראַפט.
לעבן, כ׳וויל געניעגען –
זיין נאָך לאַנג דיין שקלאַף.

לולין 1961

## י ע מ ו ד ....

זומערלעב,
איך רייד מיט דיר אין איינעם.
די פעלדער מיינע צייטיקן מיט רייכן שניט.
און דאס וואס כ׳האב פארזייט
מיט פרייד פון אונטער הארצן -
א לעבעדיקס זאל אויפשפילן אין ליד!
יעמוד !...

דער שניטער זאל ארויסגיין שניידן,
אז די גערעטעניש
די אנגעזאמלטע דורך יארן,
זאל מיר ניט גיין פארלארן,
עס קען א ליאדע טאג ארויספאלן א רעגן -
צי האב איך זיך געמיט פאר זיינעטוועגן?

טיפער בלוי -
די הימלען מיינע,
און א מינדסטן שאטן.
דעם שניטער זאל דער רייכער שניט גראטן...
און טאמער וועט די קאסע
אנטרעפן
אין לייב פון שטיין -
אזש פונקען וועלן פליען -
זאל זי באטש
א צעשטשערבעטע,
צום סוף פון פעלד
דערציען...

1963

## דער טאג ווען מיין ליד...

דער טאג, ווען מיין ליד בלייבט אנטשוויגן,
איז גלייך א בר-מינן וואלט ליגן
אין ווייס פאפיר-תכריכים אויפן טיש...
דער טרויער אזוי ווייטיקדיק און פריש
און איך, ווי כ׳וואלט פון יאוש זיך צעשריגן....

דער טאג, ווען ס׳ליד הערט אויף צו שטומען,
ווערט אפגעטאן פון מיר דער אומער
און ס׳בויגעלע פאפיר וואס אויפן טיש
צעבליט אזוי זיך יום-טובדיק און פריש,
גלייך פרילינג וואלט אין שטוב אריינגעקומען...

דער טאג אבער, ווען ס׳ליד הויבט אן צו שאלן
מיט אלע טענער, אונטערטענער אלע,
מיט פלאמען צארן און מיט ימען האס,
מיט פאן-געפלאטער בראנדיקט אויף די גאס –
דער טאג, מיין ליד און איך אינאיינעם שטראלן...

אפריל 1962

מלכהלען
אין ליבשאפט

# צו דיין געבורטסטאג

צו דיין געבורטסטאג שענק איך דיר א רויז -
א רויטע רויז ערשטמאיקע.
אז ס'האט דער אומעט אין דיין הארץ געהויזט -
זאל זיין די פרייד א נייאיקע...

א האלבן לעבן שפאנען מיר באנאנד.
די ערד - אדורכגעשניטן זי -
אן אייביקייט מיר האבן אלץ געאנט:
דעם אנהייב וועג פארהיטן מיר-

די מילע-גאס מיר טראגן אום אין בלוט -
די האפענונג פארגאנגענע....
די ווייסל-בלא, דעם ווישעגראדער קוסט,
די גאלדפעלדער צעזאנגענע -

באטש אויפן שטערן פראסטיקט שוין דער שניי -
איז די פאן א יונגע נאך -
מיר האבן זי אין טרערן אויסגעווייקט
מיט טרויער דעם צעזונגענעם...

געארעמטע אין ווייטערדיקן וועג -
מעג ער די טריט באשווערן שוין...
די טרייהייט - אונדזער ליכטיקער פארמעג -
וועט אייביק אונדז געהערן שוין.

ביי אט דער פאַן מיט אַלטע פריינט אַרום
און ביי דער זייט די קינדער צוויי -
צו דיין געבורטסטאָג שענק איך דיר אַ בלום
און אין מיין האַרץ די פרייד...

1-טער מאַי 1962

# מ ל כ ה ל ן

(פראגמענט פון א פאעמע)

מיין טייערע, וואס דארפן מיר נאך מערער? -
א האלב לעבן אפגעלעבט צוזאמען,
פארקניפטע מיט די זעלביקע באגערן,
די זעלבע פאן, וואס מיר פלעגן איר שווערן
און ליב געהאט נאך שטארקער ווי א מאמען,
וויילביידע פון דער ארעמקייט מיר שטאמען,
וויילביידן ווערט דער גרויסער זיג געהערן...

מיין טייערע, דאס ליד איז אונדז פארבליבן -
דאס ליד וואס ווערט אויך אונדז איבערלעבן...
אין טעג פול ווייטיק און אין נעכט, די טריבע,
א חלום פלעגן מיר אין ליד פארוועבן -
אין אים די בענקשאפטן ארייננגעגעבן -
דאס איבערפולטע הארץ פון אונדזער ליבע.

איצט זאג איך דיר א דאנק, א דאנק, באשערטע -
פאר אלדאס שיינע און פאר אלדאס גוטע,
פאר יעדן טראפן פרייד אין גאנג באשווערטן,
פאר יעדן טראפן רו אין פיין פארטרערטער,
פאר יעדן טראפן מוט, ווען ס׳הארץ פלעגט בלוטן...
און פארן ליד א דאנק - דעם דיר באגערטן...

אפריל 1964
תל-אביב

# אינהאלט


דער דיכטער 3

דעם דיכטערס ירושה - אלעקסאנדער פען 7

א ווארט צום לייענער - מלכה בינעצקי 9


## 1. מ ו ל ד ת


מולדת 13

קרית עמל 15

פארוואס? 16

א בוים אזא 17

זומער 18

ים דו גוטער 19

ס'ארא בלויקייט, ס'ארא ווייטקייט... 20

צייכענונג 21

העברעיש 23

אונדזער הגדה 25

פאר אלעמען זאל סטייען 28

אט דער כתר 29


## 2. פ א ר ג ע ס ט נ י ט!


דאס ליד פון מיין יוגנט 33

ביאליסטאק מיין היים 36

דיין קעפל... 38

צייכענונג 39
אט דא ניט ווייט... 41
כן יאבדו כל אויביך 43


## 3. ב י י פ ר י י נ ט


רומעניע (סאנעטן) 55
בלומען 61
מיין ליד איז ניט צו שיינקייטן... 62
א ווייסער רעגן... 63
דאס ליד... 64
ביים שווארצן ים 65
רויט ציגלעדיקע דארפישע בולגאריע... 67
אנטקעגן דעם וויטאש 68
איך ווייס שוין... 69
דער מהר"ל פון פראג 70
פראג 71
א חלום! 72
פלי מיין ליבשאפט 74
א גרויסע פרייד און ס׳הארץ איז אזוי קליין... 76
א טאסט דער וווּנדערלעכער צייט! 77


## 4. א י נ ט י ם


מיך ארט ניט, וואס דער זומער איז אנטלאפן 81
דעמער 83
דער פאעט 84
געדאנקען 85

| | |
|---|---|
| נאכאמאל און נאכאמאל מיין לעבן | 86 |
| אראפ בין איך פון וואגן? | 87 |
| ווי שרעקלעך לאנג די נאכט... | 88 |
| נאר מיך באשלאגן אנגסטן... | 90 |
| די ערשטע ווערטער... | 92 |
| שיין... | 93 |
| דו שטער זיי ניט! | 94 |
| צייכענונג | 95 |
| א דאגה? | 97 |
| יעדער טאג, יעדע שעה, יעדע רגע... | 98 |
| הארבסט און ביי מיר פרילינגט | 99 |
| יעמוד... | 100 |
| דער טאג ווען מיין ליד... | 101 |
| צו דיין געבורטסטאג | 102 |
| מלכהלן (פראגמענט פון א פאעמע) | 104 |


★ ★

★

ארויסגעגבן פון זעלבן מחבר:

"א פענצטער צו דער וועלט" (לידער) - לאדזש 1948

" ל י ד ע ר " - ווארשע, פארלאג "יידיש בוך", 1957

"אויסדרויער" לידער און פאעמען, תל-אביב, 1963

---

הודפס בדפוס "יפעת-ספרא", תל-אביב
שדרות רוטשילד 83, טלפון 623830